# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:50
מוצאי שב"ק.....................7:20

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................יחזקאל כ'-כ"א
בבלי.......................קידושין ס"ט
ירושלמי..................חלה ח'
תוספתא...................כלאים ב'
רמב"ם..........קידוש החודש ד'

פרשת נח, ו' חשון, שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 3 (623)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב, וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ, וַיֵּדַע נֹחַ כִּי קַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ. וֶוען דִי טוֹיבֶּעלֶע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ נֹחַ מִיטְ'ן בְּלֶעטְל אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גֶעוואוּסְט אַז דִי וַואסֶער פוּנֶעם מַבּוּל הָאט שׁוֹין נָאכְגֶעלָאזְט. דִי מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי נֹחַ הָאט גֶעקֶענְט ווִיסְן פוּן דֶעם בְּלֶעטְל אַז דִי וַואסֶער גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ, ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דִי טוֹיבֶּעלֶע הָאט עֶס יֶעצְט אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם בּוֹים, אֶפְשָׁר הָאט זִי עֶס פָּשׁוּט גֶעטְרָאפְן שְׁווִימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט, מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הרה"ק מְסַאטְמַאר זצוק"ל בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן ק"נ), אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז דָאס אִיז אַן אָפֶענֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט פָארְאוֹיס גֶעזֶען וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אָפְּשְׁפִּילְן בְּעִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא, אִין אוּנְזֶער שְׁוֶוערְן דוֹר, וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ גָאר שְׁטַארְק דְרַאפֶּען אוּן מוּטְשֶׁען צוּ בְּלַייבְּן בַּיי דִי פָּשׁוּטֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דָארְט אַרָאפּ דֶעם מָשָׁל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶעם (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים, סִימָן ד') פוּן אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין וַואלְד אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, אַלֶע גְרוֹיסֶע מִינִיסְטָארְן, הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין, אוּן נָאר אַ פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן וֶוען דִי רֶעגְן הָאט נָאכְגֶעלָאזְט הָאט דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן אַז דַוְקָא דֶער פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן זָאל אִים טְרָאגְן אִין פַּאלַאץ אוּן אִים אַרוֹיפְזֶעצְן אוֹיפְ'ן קֶענִיגְלִיכְן שְׁטוּל; אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין בְּעִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא, עֶס וֶועט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע מַבּוּל, אָבֶּער נִישְׁט קַיין מַבּוּל פוּן וַואסֶער נָאר אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶס וֶועט אַרַיינְשְׁפְּרִיצְן אוֹיךְ אִין דִי כָּשֵׁר'עֶ הֶערְצֶער, אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעמָאלְט, נָאר דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט, מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן דָאס גְלַייכְן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם קְרוֹין אוֹיפְ'ן קָאפּ פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶעם שְׁוֶוערְן מַבּוּל, עֶס גִיסְט זִיךְ אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן אַלֶע זַייטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְפְן מִיר דָאס לֶערְנֶען אוּן חַזְרְ'ן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשְׁוֶועמְט פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע וַואסֶערְן, זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פְּשׁוּטֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? "מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים", מִיר דַארְפְן קוּקְן ווִי אַזוֹי נֹחַ הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים מַבּוּל, אוּן דָאס נָאכְמַאכְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער מַבּוּל. נֹחַ אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה אִיז אַ קַאסְטְן, אָבֶּער "תֵּיבָה" מֵיינְט אוֹיךְ אַ "וָוארְט", דוּרְךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַ אִיד גֵייט יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, זָאגְן אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאגְן תְּהִלִּים; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער דַוְקָא דָאס אִיז דִי תֵּיבָה וָואס בַּאשִׁיצְט אוּנְז, דַוְקָא נָאר דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן אִינֶעם מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן מִשְׁנָיוֹת, דִי בְּלֶעטֶער פוּנֶעם סִידּוּר'ל; וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי בְּלֶעטֶעלֶעךְ אִין מוֹיל, דֶעמָאלְט לָאזְט נָאךְ דֶער מַבּוּל, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם מַבּוּל. דָאס קֶען מֶען אָבֶּער בַּאקוּמֶען דוּרְכְ'ן צַדִּיק, דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אוּנְז דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג, צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז, וֶוען נֹחַ הָאט גֶעזֶען ווִי דִי טוֹיבֶּעלֶע, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ טוֹיבֶּעלֶע (שַׁבָּת מ"ט.), ווִי זִי קוּמְט צוּ פְלִיעֶן מִיט אַ בְּלֶעטֶעלֶע אִין מוֹיל, מִיט דִי פָּשׁוּטֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס הָאט זִי נִישְׁט גֶעטְרָאפְן סְתָּם אַרוּמְשְׁווִימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער, דָאס הָאט זִי זִיכֶער בַּאקוּמֶען פוּן אַ בּוֹים, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן נ"ב) "עֵץ דָא צַדִּיק". וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דוּרְךְ דֶעם גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם מַבּוּל, אוּן דַאן הָאט נֹחַ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שְׁוֶוערֶע וַואסֶערְן פוּנֶעם מַבּוּל הָאבְּן שׁוֹין זִיכֶער נָאכְגֶעלָאזְט, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ר"כ), "אִיךְ וֵויס אַז מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה, בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן בְּעִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא".

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן אִיבֶּערְקוּמֶען דֶעם שְׁוֶוערְן מַבּוּל וָואס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, מִיר וֶועלְן קֶענֶען בַּיישְׁטֵיין דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט וָואס יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז וַוייזְן דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּרְכְ'ן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת אוּן פַּשְׁטוּת.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, פַּרְשַׁת נֹחַ תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וואוּ לוֹיפְסְטוּ?

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזֶען ווִי אַ אִיד לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, עֶר לוֹיפְט צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר לוֹיפְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר לוֹיפְט מַאכְן פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין פַּרְנָסָה, אֶפְשָׁר לוֹיפְסְטוּ אַוֶועק פוּן דַיין פַּרְנָסָה?...

וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּכַאפְּן זַיין פַּרְנָסָה אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ קֶענֶען לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן עַרְבִית אִין צַייט מִיט מִנְיָן. ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת דָאס אִיז וָואס הַאלְט אַ אִיד אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח); בִּפְרַט אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף אִין צַייט קֶען אוֹיסְקוּמֶען מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן בָּרְכוּ, קְדוּשָּׁה אוּן קַדִּישׁ אַ גַאנְץ יָאר; אִיז שׁוֹין כְּדַאי צוּרִיק צוּ קוּמֶען אִין שְׁטָאט ווִי אֵיידֶער צוּ הָאבְּן אַזַא סָארְט לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִיז מְסוּגָּל פַאר פַּרְנָסָה; קֶען זַיין פְּשַׁט, אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְרִי, מֶען דַאוֶוענְט - וֶועט מֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן אַז מֶען שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין - ווִי קֶען מֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה? אוֹיךְ שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דִי וַוייבּ זֶעט דֶעם מַאן שְׁלָאפְן בִּיזְ'ן טָאג אַרַיין, נוּ וָואס קֶען מֶען עֶרְוַוארְטְן... הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, זָאלְסְט זִיךְ בַּאנֵייעֶן, גֵיין דַאוֶוענֶען בִּזְמַן וּבְמִנְיָן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פַּרְשַׁת נֹחַ תשפ"א)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיְינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר'ט אַייךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע אָרְט, אַלְעֶס אִיז עֶר אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ קֶען פַּאסִירְן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט'; מִיט אֱמוּנָה וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן רוּאִיג.

גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער. רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער קֵיין נַייעֶס, רֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אוּן וֶוען מֶען זֶעט אוּן מֶען הֶערְט דִי עֶרָאפְּלַאנֶען זִיךְ דְרֵייעֶן הֶעכֶער דִי קֶעפּ מִיט שְׁרֶעק, אוּן וֶוען מֶען הֶערְט וִוי עֶס צוּפַייפְן זִיךְ דִי סַייפֶערְס אַז עֶס קוּמְט עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן - זָאלְט אִיר נִישְׁט לוֹיפְן מִיט קֵיין בֶּהָלָה, נָאר טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן - זִיךְ צוּ הִיטְן אוּן הִיטְן דִי קִינְדֶער, אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט שִׂמְחָה - זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "קֵיינֶער קֶען אוּנְז נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן קֵיינֶער קֶען אוּנְז נִישְׁט טוּן קֵיין גוּטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז מִיט אוּנְז".

הַדָּבָר הַשֵּׁנִי, מַיְינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער - הֶערְט נִישְׁט קֵיין נַייעֶס. דָאס בִּיסְל וָואס אִיר דַארְפְט וִויסְן אִין אַ צַייט פוּן מִלְחָמָה - זָאלְט אִיר הֶערְן, אָבֶּער נִישְׁט זִיצְן אוֹיף דִי נַייעֶס, וַוייל דִי נַייעֶס אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי צָרָה אַלֵיינְס, דִי נַייעֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי מוּט, עֶס וַוארְפְט אַרַיין אִין פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. נִישְׁט קוּקְן קֵיין נַייעֶס אוּן זִיכֶער נִישְׁט דִי בִּילְדֶער אוּן ווִידְיָאוֹס פוּן רְצִיחָה; דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אַ אִיד צוּ קוּקְן, דָאס שַׁאדְט פַארְן נֶפֶשׁ, עֶס שַׁאדְט פַאר דִי הַארְץ; קוּקְן דִי ווִידְיָאוֹס אוּן קְלִיפּס - שֶׁעדִיגְט דָאס אֵיידֶעלֶע אִידִישֶׁע נֶפֶשׁ, וְדַי לְמֵבִין.

הַדָּבָר הַשְּׁלִישִׁי, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט זַיְינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מוֹסִיף זַיין נָאךְ שִׁיעוּרִים. זִיךְ מַאכְן אַ



וֶועט נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט פַארְפַאסְן אַ קַאסְטוּמֶער, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְלִירְן גֶעלְט וֶוען מֶען וֶועט אַרָאפְּרֶעכְנֶענֶען דִי צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, פוּן דַאוְוענֶען גֶעהֶערִיג נָארְמַאל, אוּן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה; פַארְקֶערְט, מֶען פַארְדִינְט נָאר אַסַאךְ פוּן דֶעם סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

אוֹיבּ פַארְקוּרְצֶערְט מֶען דָאס דַאוְוענֶען, פַארְלִירְט מֶען נָאר סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז פָּשׁוּט אַז מֶען פַארְלִירְט דָאס דַאוְוענֶען גֶעהֶערִיג אוּן דָאס לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת פַארְלִירְט מֶען, וַוייל דִי כְּלִי צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז דָאס דַאוְוענֶען, אוּן אַז דִי כְּלִי אִיז נִישְׁט גַאנְץ, אִיז נִישְׁטָא קֵיין כְּלִי אִין וָואס דִי שֶׁפַע זָאל זִיךְ הַאלְטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין שׁוּהל דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דַוְקָא דַאן וֶועט דִי שֶׁפַע פְלִיסְן אוּן מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

וֶוער עֶס דַאוְוענְט מִיט "מִנְיָן", אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ "דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן", אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען דַאוְוענְט מִיט מִנְיָן ווַייזְט מֶען אַז מֶען הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלַאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן פַּרְנָסָה, אוּן צוּלִיבּ דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

**וֶוער אִיז מֶער מַצְלִיחַ?**

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט צְווֵיי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן סְחוֹרוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי פְלֶעגְט עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיבְּן אַזֵייגֶער, עֶר הָאט גֶעווָאלְט זַיין אָפְן ווִי לֶענְגֶער אוּן מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין גַאר פְרִי אוּן אָפְּכַאפְּן דָאס דַאוְוענֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן עֶפֶענֶען דָאס גֶעשֶׁעפְט, נִיטָאמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

דֶער צְווֵייטֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ, עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט רוּאִיג דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים נָאכְן דַאוְוענֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז אָפְן אַסַאךְ פְרִיעֶר אוּן אַלֶע קוּנְדְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אֵיידֶער דֶער צְווֵייטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט. בִּיז אֵיין טָאג...

אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַ גָאר טַייעֶרֶע סְחוֹרָה, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פוּן דִי סְחוֹרָה, אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט גָאר פְרִי, אַזוֹי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען לוֹיפְן צוּ אִים קוֹיפְן דִי טַייעֶרֶע סְחוֹרָה.

דֶער פְּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַייעֶ טַייעֶרֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאדִינֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער בַּאדִינֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלֵייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער פְּרִיץ בֶּעט אִים אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן פוּן דִי טַייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּ זֶען אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ קוֹיפְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

צוּפִיל בְּרֵירוֹת הָאט דֶער אִיד נִישְׁט גֶעהַאט, דֶעם פְּרִיץ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּזָאגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דָאס גֶעשֶׁעפְט אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם פְּרִיץ. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעמוּזְט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט בַּיים פְּרִיץ, דֶער פְּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַחְלִיט זַיין וָואס עֶר ווִיל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיין ווַייבּ, דִי פְּרִיצ'טֶע, אָבֶּער זִי הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעווָאוּסְט פוּנְקְטְלִיךְ וָואס זִי ווִיל, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן וָואס צוּ נֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז פַארְנַאכְטְס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאט'ס מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְווֵייטְן גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט שׁוֹין אִינְצְווִישְׁן גֶעעֶפְנְט, אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן דִי טַייעֶרֶע סְחוֹרָה, מֶען הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים פְּרִיץ דִי גַאנְצֶע טָאג, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְן פְּרִיץ אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיים גֵיין מִיט גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, דַוְקָא דֶער צְווֵייטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאר מֶער פַארְדִינְט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרַא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ "בִּטָּחוֹן")

<<<<<< נייעס

**יבנאל:**

מען איז זיך צוזאם געקומען אין סוכה אין שטוב פון מו"ה דוב קליין שליט"א, נאכן זינגען דעם "שיר ידידות" האט מען זוכה געווען צו הערן טייערע ווערטער פון הגאון ר' משה קורץ שליט"א גאב"ד יבנאל איבער די גרויסע כח וואס ליגט אין די ספרים פון הייליגן רבין, און וויאזוי עס טוישט דעם מענטש.

**ירושלים עיר הקודש:**

מאנטאג נאכט איז מען זיך צוזאם געקומען אין גרויסן סוכה אין הויף פון בית המדרש היכל הקודש אויף רחוב ברסלב, מען האט זיך געוואשן צו א סעודה, און מען האט געזונגען ווארימע ניגונים, דערנאך האט דער גבאי הר"ר יצחק שמואל פרענקל שליט"א אויפגעטרעטן און פארגעלערענט די תורה רפ"ב פון הייליגן רבין ווי דער רבי מאנט מען זאל זען צו קוקן גוט אויף יעדן איד, און דער גבאי האט געזאגט אז אויך אויף זיך דארף מען טרעפן גוטע נקודות, דערנאך האט מען גערעדט פון די גרויסע מופתים וואס מען זעט ביים הייליגן רבין ביזן היינטיגן טאג, ווען יעדער קען זאגן אויף זיך "א מופת בין איך" און מען זעט ווי דעם רבי'ן זאך לעבט אויף אייביג. צום ביישפיל מען זעט ווי א איד אין תשפ"ד בשעת זיין גאנצע פארמעגן גייט ארויף אין פלאמען אבער איז זיך מחזק מיט אמונה און מיט די עצות וואס דער רבי האט געשריבן איבער צוויי הונדערט יאר צוריק.

**לאנדאן:**

דינסאטג נאכמיטאג איז מען זיך צוזאם געקומען אין סוכה אין הויף פון בית המדרש אויף סענט עדרוס גראו, ווי מען האט זיך געוואשן צו ברייטע סעודה לכבוד די יארצייט פון הייליגן רבין, עס האט זיך באטייליגט א חשובע גאסט דער דיין פון קהל יטב לב דסאטמאר אין לאנדאן הרה"ג ר' מאיר מארקאוויטש שליט"א וועלכע האט אויפגעטרעטן מיט גאר שטארקע דיבורים, און האט ארויסגעברענגט די חיזוק וואס די גאנצע וועלט נעמט פון הייליגן רבין, און האט פארגעלערט תורה רפ"ד, און האט מעודד געווען מען זיך זיך מחזק זיין און מחדש זיין מיט הפצה, אויף וואס די וועלט איז קריטיש אנגעוויזן. דערנאך האט מען געזונגען ניגונים פון אמונה.

**מאנסי:**

מאנטאג נאכט זענען זיך צוזאם געקומען א שיינע ציבור צו א סעודה לכבוד די יארצייט פון הייליגן רבין אין סוכה אין הויף פון ביהמ"ד היכל הקודש אין מאנסי, און נאכן זיך וואשן צו די סעודה האט מען מיט געהאלטן מיט א לייוו הוק אפ די דרשה פון ראש ישיבה שליט"א אין וויליאמסבורג. נאכן סעודה האט מען געזונגען שיינע ווארימע ניגונים פון בענקשאפט צום אויבערשטן.

**צפת:**

מאנטאג נאכט זענען זיך אנשי שלומינו צוזאם געקומען אינעם גרויסן סוכה פון מו"ה נתן ראזענבערג שליט"א, נאכן זיך וואשן צום סעודה האט מען געהערט פאסיגע דיבורים פון מו"ה נתן טייכנער שליט"א אן אייניקל פון הייליגן רבין, דערנאך האט מו"ה נחמן יאקאבאוויטש שליט"א אויפגעטרעטן איבער די כח ההתחדשות וואס דער רבי לערנט אונז אויס, און אויף די באזונדערע זכי' אז מיר זענען מקורב צום רבין דורך היכל הקודש וואס מוהרא"ש און דער ראש ישיבה שליט"א לאזן אונז נישט איינשלאפן.

ביינאכט נאכן טאנצן האט מען מיטגעהאלטן מיט א לייוו הוק אפ דעם שיעור פון ראש ישיבה שליט"א אין וויליאמסבורג, פון וואס אלע האבן ארויסגענומען חיזוק און עצות אויף למעשה.

**קרית ברסלב:**

מאנאטג נאכט איז מען זיך צוזאם געקומען אינעם גרויסן סוכה אין הויף פון בית המדרש אויף האשקי, עס איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע סעודה, און בשעת די סעודה האט מען זיך צוגעהערט צום לייוו הוק אפ פון ראש ישיבה שליט"א אין וויליאמסבורג פון וואס אלע האבן ארויסגענומען חיזוק און עצות לעובדא ולמעשה.

**קרית יואל:**

מאנטאג נאכט זענען פילע אריינגעפארן קיין וויליאמסבורג צום סעודת הילולא ביים ראש ישיבה, און דינסטאג נאכמיטאג איז מען זיך צוזאם געקומען אין גרויסן סוכה אין שטוב פונעם גבאי פון בית המדרש היכל הקודש אויף פרעמישלאן ווע' הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א ווי מען האט געהערט שיינע דיבורים פונעם גבאי וואס האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הפצה, ווי טייער און חשוב עס איז ביים אויבערשטן. און ווי די גאנצע וועלט האט חיות און חיזוק פון הייליגן רבין, און מיר דארף זיך אויפפרישן.

אויך איז פארגעקומען סעודות הילולא'ס אין נאך פילע פלעצער ווי אלעד און נאך.

דער אויבעשטער זאל העלפן דער זכות פון הייליגן רבין זאל מגין זיין אויף אונז אז מיר זאל קענען אויספירן און נוצן די אלע עצות וואס ער האט אונז געגעבן און זיין אמת'ע ערליכע אידן.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו.**

<<<<<< **אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה**

שִׁיעוּר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאַחַד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא - דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, 'נִישְׁטָא אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ וִוי אַ בְּלַאט גְּמָרָא'; מַאכְט זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

הַדָּבָר הָרְבִיעִי, זָאלְט אִיר אַלֶע זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מֶען לֵייגְט זִיךְ הַיינְטִיגֶע טֶעג שְׁפֶּעט, זָאל מֶען זָאגְן אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה - תִּיקוּן חֲצוֹת; עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס אִיז אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים מִיט אַ שְׁטִיקְל קִינוֹת, אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ זָאגְן אוּן בֶּעטְן פַאר גָּלוּת הַשְּׁכִינָה, פַאר חִלּוּל שְׁמוֹ הַגָּדוֹל וְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, דָא הָאט אִיר דִי פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן חֲצוֹת:

(קַאפִּיטְל קלז): "עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל", (קַאפִּיטְל עט): "מִזְמוֹר לְאָסָף", נָאכְדֶעם דִי שְׁטִיקְל פוּן אֵיכָה (קַאפִּיטְל ה): "זְכֹר ה' מֶה הָיָה לָנוּ, הַבִּיטָה וּרְאֵה אֶת חֶרְפָּתֵנוּ", אוּן דִי פְּסוּקִים פוּן נַ"ךְ: "הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה", אוּן נָאכְדֶעם תִּיקוּן לֵאָה. עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס אִיז נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, (קַאפִּיטְל כד): "לְדָוִד מִזְמוֹר, לַה' הָאָרֶץ", (קַאפִּיטְל מב): "לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח", (קַאפִּיטְל מג): "שָׁפְטֵנִי אֱלֹקִים", (קַאפִּיטְל כ): "לַמְנַצֵּחַ יַעַנְךָ", (קַאפִּיטְל סז): "לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת", (קַאפִּיטְל קיא): "הַלְלוּיָהּ אוֹדֶה", (קַאפִּיטְל נא): "לַמְנַצֵּחַ בְּבוֹא אֵלָיו נָתָן הַנָּבִיא", (קַאפִּיטְל קכו): "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת".

וְעַל כּוּלָם זִיךְ מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, נִישְׁט הַאלְטְן קֵיין פַּיינְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. יֶעצְט וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אִין אַן עֵת צָרָה, דִי פֶעלְקֶער ווִילְן אוּנְז אַלֶע טוּן שְׁלֶעכְטְס - דַארְפְן מִיר זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן 'וִוי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען אָנֶעם רֶבִּי'ן אִין אַזַא צַייט? וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט חִיזוּק?' דַארְף דָאס גֶעבְּן כֹּחַ פַאר אַלֶעמֶען עוֹסֵק זַיין מֶער אִין הֲפָצָה. שֶׁעמְט אַייךְ נִישְׁט אוּן פוֹילְט אַייךְ נִישְׁט צוּ עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, יֶעצְט נֶעמֶען אַלֶע, אֲפִילוּ דִי וָואס אַ גַאנְץ יָאר זָאגְן זֵיי 'מִיר הָאבְּן פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי, מִיר דַארְפְן נִישְׁט פוּן עֶנְקֶער רֶבִּי'. יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע רֶבִּי'ס בַּאהַאלְטְן זִיךְ, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, יֶעצְט דַארְפְן אַלֶע דֶער רֶבִּי פוּן אַלֶע רֶבִּי'ס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא - זָאל אוּנְז טְרֵייסְטְן, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט דִי וָואךְ (בְּרֵאשִׁית ה, כט): "זֶה 'יְנַחֲמֵנוּ' מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ", דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז פוּן עַצְבוּת אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

מֵיינְט נִישְׁט אַז מִיר זֶענֶען אִין אַמֶערִיקֶע, מִיר זֶענֶען מְסוּדָר, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער; מִיר זֶענֶען גוּט צֶעבְּרָאכְן, מִיר זֶענֶען בְּרִידֶער, פוּן אִינְמִיטְן אוּנְזֶערֶע הַקָּפוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אָז שָׁפְכוּ דָמִים כַּמַּיִם סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלַיִם - זֶענֶען מִיר אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעשׁוֹידֶערְט, מִיר דַאוֶונֶען, מִיר זֶענֶען מִתְפַּלֵּל אָז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מֶער קֵיין מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער שִׁלְטוֹן הַמִּינוּת אִיז צֶעזֶעצְט גֶעוָוארְן, אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעזִינְגֶען 'מִיר הָאבְּן אַ מִילִיטֶער, מִיר הָאבְּן גֶעוֶוער' - זֶענֶען מִיט דִי צוּנְג אִינְדְרוֹיסְן (אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁנִּשְׁבּוּ, אִיךְ רֶעד פוּן דִי פְרוּמֶע נָאכְשְׁלֶעפֶּער וָואס פַאר אַבִּיסְל גֶעלְט זִיצְן זֵיי אִין דִי כְּנֶסֶת הַמִּינִים ה' יִשְׁמְרֵינוּ), נִישְׁטָא קֵיין מִילִיטֶער, נִישְׁטָא קֵיין גֶעוֶוער, דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (זְכַרְיָ' ד, ו): "לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ, כִּי אִם בְּרוּחִי, אָמַר ה' צְבָקוֹת".

חַזֶר'ט דִי פָּאר כְּלָלִים וָואס אִיךְ בֶּעט עֶנְק, וֶועט עֶנְק גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית תשפ"ד)

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## יארצייט פון הייליגן רבין אפגעהאלטן אין היכל הקודש איבער די וועלט

הונדערטער תלמידי היכל הקודש אין פילע שטעט און לענדער איבער די וועלט זענען זיך צוזאם געקומען פארגאנגענעם חול המועד סוכות ח"י תשרי צו אפרעכטן דעם יארצייט פון הייליגן רבי'ן, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ לכבוד שמחת בית השואבה און צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף די גרויסע זכיה אז מיר ווייסן פון די עצות פון הייליגן רבין.

**וויליאמסבורג:**

דער צענטראלער סעודת הילולא איז פארגעקומען ביים ראש ישיבה מאנטאג נאכט אין סוכה אין הויף פון בית המדרש אויף 27 סקילמאן סטריט, ווי מען האט זיך געוואשן צו סעודה, פילע פון אנשי שלומינו זענען געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט צו מיטצוהאלטן, מען האט געזינגען דעם "שיר ידידות" פון הרה"ח רבי יצחק ברייטער ז"ל, וואו עס ווערט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הייליגן רבי'ן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דברות קודש איבער די געוואלדיגע מתנות וואס דער רבי האט איבערגעלאזט, וואס איז אן אור וואס וועט בלייבן ביז משיח וועט קומען, און אלע וואס זענען מחזק אידישע קינדער נעמען עס אפענערהייט אדער באהאלטענערהייט פונעם רבין.

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פון מוהרא"ש אז ברסלב'ע חסידות איז תלוי וויפיל מען לערנט דעם הייליגן רבינס ספרים, און אז רבי האט געזאגט אז לערנען די ספרים וועט עפענען אלע אדערן, וואס מיינט אז מען באקומט אמונה און מען קומט צוריק צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט שטארק מאריך געווען איבער די מתנה פון רעדן צום אויבערשטן וואס מיט דעם קען מען אלעס פועלן, "זאג א ווארט צוויי ווערטער, וועסטו מיט געדולד אנקומען צו די גרעסטע מדריגות און קענען אויספירן אלע דיינע קבלות".

*פון דא און ווייטער האבן מיר געלייגט די שטעט ע"פ סדר האל"ף בי"ת*

**בארא פארק:**

מאנטאג נאכמיטאג האבן זיך אנשי שלומינו צוזאם געגומען ביים בית המדרש אין בארא פארק ווי אלע וואס האבן געהאט קארס האבן אויפגענומען די פילע וואס האבן געזוכט וועגן אנצוקומען קיין וויליאמסבורג, און מען האט זיך אינאיינעם ארויסגעלאזט קיין וויליאמסבורג מיט צו האלטן פערזעליך דעם יארצייט סעודה ביים ראש ישיבה, אויף די וועגן זענען געווען זייער שיינע שיחות חברים, ווי מען האט געשמועס און זיך מחזק געווען מיט די עצות פון הייליגן רבין.

**ביתר:**

אין ביתר עילית איז מען זיך צוזאם געקומען צום גרויסן סוכה אין הויף פון מו"ה יואל קרויס שליט"א, בשעת די סעודה האט מען געהערט א שיינע שיעור פון ראש ישיבה שליט"א וואס ער האט רעקארדירט ספעציעל פאר די בני ארץ ישראל סוכות תשפ"ג. נאכן שיעור איז געווען שיינע שיחת חברים, ווען יעדער האט ארויסגעברענגט וואס ער האט באקומען פון היכל הקודש.

**בית שמש:**

דינסטאג נאכמיטאג איז מען זיך צוזאם געקומען אין די גרויסע סוכה פון מו"ה יצחק ראטה שליט"א, דער חשובער גאסט מו"ה יעקב גוטמאן שליט"א פון בראכפעלד האט אויפגעטרעטן און גערעדט פון די גרויסע מתנות וואס מיר באקומען פון רבין, בפרט דער סדר דרך הלימוד און שלום בית.

דערנאך זענען פארגעקומען פילע סיומים, ווי מען האט געזען וואס פאר א רייכע קהילה מען פארמאגט אין זכות פון הייליגן רבין.

**בני ברק:**

אויך דאס יאר איז מען זיך צוזאם געקומען צום גרויסן סעודת הילולא אין בני ברק וואס איז אפגעראכטן געווארן דורך מו"ה יעקב הורוויץ שליט"א און מו"ה יואל שעכטער שליט"א אינעם גרויסן סוכה וואס מו"ה שלמה יאקאב שליט"א האט פארשאפט, מען האט געזונגען ניגונים פון ראש ישיבה פון בענקשאפט צום אויבערשטן, דערנאך האט דער גבאי מו"ה אבא חייא רייזמאן שליט"א אויפגעטרעטן און האט ארויסגעברענגט אז יעצט איז די צייט מען זאל אריינקלערן און אנהייבן צו נוצן די גרויסע מתנות וואס דער רבי געבט אונז טאג טעגליך, און אז נאר דורך הפצה קען מען בלייבן פריש.

דערנאך האט מען געהערט פאסיגע דיבורים פונעם גבאי מו"ה יואל לעווי שליט"א וואס האט גערעדט איבער דאס וואס דער רבי זאגט "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד" און דער יארצייט געפאלט טאקע אינמיטן דעם יום טוב סוכת זמן שמחתינו. אבער וויאזוי קען מען טאקע זיין פרייליך מיט אלע איבערגייעכצער? נאר דורך די תורה, און דער רבי געבט טאקע א וועג וויאזוי יעדער איד קען לערנען, און אזוי קען טאקע יעדער אויך מקיים זיין דעם "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד.

ער האט נאכגעזאגט פון ראש ישיבה שליט"א וואס האט געזאגט אין אומאן אז ווען מען גייט צום ציון פון הייליגן רבין דארף מען זאגן "שכח רבי", האט ער געזאגט אז יעצט ביים יארצייט דארף מיר דאנקען און זאגן "שכח רבי, שכח מוהרא"ש און שכח ראש ישיבה" אויף די אלע זיסע עצות וואס מיר באקומען פון זיי, וואס נאר אזוי קען מען באמת זיין פרייליך און אויסנוצן די הייליגע יום טוב טעג, מיט רעדן צום אויבערשטן, לערנען תורה, זיין פרייליך, בענקען צום אייבערשטן.

דערנאך זענען פארגעקומען סיומים אויף מסתות הש"ס, ששה סדרי משנה, דעם רבי'נס ספרים און נאך, און צוויי טייערע בחורים תלמידי היכל הקודש האבן געפראוועט א סיום הש"ס הבה"ח נחמן יצחק רעכניצער הי"ו און הבה"ח יואל קליין הי"ו.

דינסטאג אינדערפרי נאכן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסע לחיים אין די סוכה אין הויף פון בית המדרש, דער גבאי מו"ה משה רעכניצער שליט"א האט גערעדט איבער די געוואלדיגע ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט צו יעדן איד, וואס דער הייליגער רבי איז דאס אונז מגלה.

**ברכפעלד מודיעין עילית:**

מאנטאג נאכט איז מען זיך צוזאם קומען אין די סוכה אין הויף פונעם בית המדרש, מו"ה יעקב גוטמאן שליט"א האט געגעבן א שיינע שמועס, איבער דעם אז מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן אז מיר ווייסן פון הייליגן רבין, און אויף די שיינע מתנות וואס דער רבי געבט אונז, אז אונערע שטובער זענען נישט צום דערקענען, שטובער פון תורה, פון רעדן צום אויבערשטן, שלום בית.

דערנאך זענען פארגעקומען פילע סיומים, ווי שיין איז געווען צו זען די מתנות וואס זיי האבן באקומען פון רבי'ן, דער האט באקומען א ש"ס, דער ד' חלקי שלחן ערוך, דעם רבינס ספרים, תיקוני זוהר און אזוי ווייטער.

דינסטאג אינדערפרי נאכן שיעור גמרא האט דער מגי"ש מו"ה יעקב שליט"א פארגעלערענט תורה רס"ו אז סוכות איז אזוי ווי שבועות און האט נאכגעזאגט שיינע זאכן פון ראש ישיבה שליט"א איבער וויאזוי א אידישע שטוב דארף זיך פירן.

**חיפה:**

אין חיפה איז מען זיך צוזאם געקומען מאנטאג נאכט אינעם גרויסן סוכה אין הויף פון בית המדרש קהל חסידים, ווי מען האט זיך געוואשן צו א ברייטע סעודה, דער חשובער גאסט פון יבנאל מו"ה אלימלך שווארץ שליט"א האט גערעדט זייער שיינע דיבורים, איבער די געשמאקע עצות פון רבין, און איבער די זיסע דרך הלימוד, און האט ארויסגעברענגט אז מן השמים האט מען צוגעפירט אז פונקט היינט איז מען מסיים דעם תוספתא אויפן סדר וואס מוהרא"ש האט איינגעפירט, און די וואס האבן עס נאכנישט אנגעהויבן איז כדאי מען זאל זיך יעצט מיטכאפן.

**טבריה:**

מאנטאג נאכט ליל אושפיזא דמשה איז מען זיך צוזאם געקומען אין די גרויסע סוכה אין הויף פונעם בית המדרש היכל הקודש אין טבריה. דער גבאי מו"ה יוסף סאקס שליט"א האט געבעטן יעדער זאל פארציילן זיין סיפור התקרבות און ארויסברענגען וואס דער רבי טוט מיט אים היינט אין יאר תשפ"ד, מען האט געהערט אסאך טייערע ווערטער פון פילע פון אנשי שלומינו, פון וואס מען האט זיך שטארק מחזק געווען.

דינסטאג אינדערפרי נאכן דאווענען האט מען געמאכט א לחיים נאכן פארלערנען דעם שיעור גמרא אין די סוכה ווי דער מגי"ש מו"ה יוסף הי"ו האט ארויסגעברענגט ווי דער רבי לערט אונז אויס וויאזוי מען דארף זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן און אז מען געבט איבער דעם טאג פארן באשעפער ווערט מען געהיילט פון אלע סארטן סטרעס און ענקזייעטי.

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **שלמה בריסק** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**

***

החתן **אליעזר שלמה בוים** הי"ו

בן מו"ה **נפתלי יצחק** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

בת מו"ה **אלימלך שארף** הי"ו

***

מו"ה **יהושע ראבינאוויטש** הי"ו

**מלמד מומחה במוסדותינו ירושלים עיה"ק**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נח לוין** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,**
**סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## דער מצב אין ארץ ישראל

**וואס איז נייעס אין ארץ ישראל?**
**הערט די נייעס אויף**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 9, 3**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >